ב. בְּהֵמָה[1]* עִם בְּהֵמָה וְחַיָּה עִם חַיָּה, בְּהֵמָה עִם חַיָּה וְחַיָּה[2] עִם בְּהֵמָה, טְמֵאָה עִם טְמֵאָה וּטְהוֹרָה[3] עִם טְהוֹרָה[4], טְמֵאָה[5] עִם טְהוֹרָה

ב. א בהמה מיט א בהמה[1]) און א חיה מיט א חיה, א בהמה מיט א חיה און א חיה מיט א בהמה, אן אונריינע מיט אן אונריינער און א ריינע מיט א ריינער, אן אונריינע מיט א ריינער און א ריינע מיט אן

## פירוש

משנה זאָל דאָס באַהאַנדלן נאָך אַמאָל, ווייל ווען דאָס וואָלט ניט געשטאַנען וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז דער אסור פֿון צענויפֿפּאָרן איז נאָר דאָ ביי צוויי פֿאַרשיידענע מינים, ווי פֿערד און אייזל, אָבער די וואָס ווערן פֿון זיי געבוירן מעג מען יאָ צענויפֿפּאָרן, ווייל זיי זיינען דאָך ווי איין מין. גאַנץ אַנדערש ערקלערט דער „שנו"א", וועלכער האַלט אויך אַז עס האַנדלט זיך דאָ בלויז וועגן צענויפֿפּאָרן (ווייל מיט דעם אסור פֿון ארבעטן באַשעפֿטיגט זיך אייגנט-לאַך משנה ד'), אָבער ער מיינט, אַז אין דער סיפא פֿון אונזער משנה איז ניט די רעדע וועגן די וואָס ווערן געבוירן פֿון אַ געמישטער צענויפֿפּאָרונג נאָר טאַקע וועגן צענויפֿ-פּאָרן צוויי פֿאַרשיידענע מינים, און די סיפא פֿון אונזער משנה געהערט צו משנה ב' און דינט איר אַלס אַן איינ-לייטונג, און צום סוף פֿון משנה ב' איז ער גורס „ואסורים" („כלאי בהמה אסורים זה בזה, בהמה עם בהמה וחיה עם חיה וכו', ואסורים לחרוש ולמשוך ולהנהיג"), ד"ה צוערשט קומט דער אסור פֿון צענויפֿפּאָרן, וועלכער באַציט זיך אין דער תורה אויסדריקלאַך אויף אַלע חיות, ווייל עס שטעהט „ב ה מ ת ך לא תרביע", און נאָכהער קומט דער אסור פֿון ארבעטן, וועלכער ווערט אין דער תורה ניט פֿאַראַלגעמיינט, ווייל עס שטעהט דאָרט אייגנטלאַך בלויז „לא תחרוש ב ש ו ר ו ח מ ו ר יחדו". — אין ירושלמי ווערט געפּרובט צו דרינגען דורך אַ קל וחומר פֿון כלאי בגדים אַז מען טאָר ניט רייטן אויף אַ מוילאייזל, הגם אין „מלכים" א' א' ווערט דערציילט אַז שלמה המלך האָט גערייטן אויף אַ מוילאייזל, אָבער דער רא"ש האַלט אַז דאָס איז קיין קל וחומר ניט, ווייל כלאי בגדים זיינען אין קיין פֿאַל ניט מער חמור ווי כלאי בהמה, וואָרום ביי ביידע איז דער אסור נאָר דאָ ווען דאָס איז מחובר; (ז. אָבער „תוס' חדשים" און „תוס' רע"ק" און „באר הטב" צו „ש"ע יו"ד" רצ"ז און „קה"ר" און „הו"ע" און „ש"ל" א"א). דער רע"ב מיינט, שטיצנדיג זיך אויף פּרעצעדענטן, אַז אויף איין מוילאייזל מעג מען רייטן אָבער מען טאָר ניט פֿירן צוזאַמען צוויי, טאָמער איז איינער גע-בוירן פֿון אַ פֿערד און דער אַנדערער פֿון אַן אייזל.

ב. 1) פֿון צוויי פֿאַרשיידענע מינים, און אַזוי אויך ביי די ווייטערדיגע. 2) אַז מען טאָר ניט אַרבעטן מיט צוויי פֿאַרשיי-דענע מינים ווייסן מיר פֿון „לא תחרש בשור ובחמר יחדו" („דברים" כ"ב י'), און אַז דאָס מיינט ניט צו באַשרענקען דעם אסור דוקא אויף דאָס צוזאַמען אַרבעטן פֿון אַן אָקס און אַן אייזל לערנען מיר אָפּ אין „בבא קמא" נ"ד ב' פֿון שבת; אין די ערשטע עשרת הדברות, שטעהט, נעמלאַך „לא תעשה כל מלאכה אתה וכו' ו ב ה מ ת ך" („שמות" כ' י') און אין די צווייטע שטעהט „לא תעשה כל מלאכה אתה וכו' ושורך וחמרך ו כ ל ב ה מ ת ך" („דברים" ה' י"ד), איז דאָך אייגנטלאַך „ושורך וחמרך" איבעריג וויבאַלד עס שטעהט „וכל בהמתך", קומט דאָס אַנצוווייזן, אַז אַזוי ווי דאָ, ביי שבת, מיינט דאָס אַלע מינים חיות און בהמות און עופות אַזוי איז אומעטום וואו עס שטעהט „שור" און „חמור" צוזאַמען מיינט דאָס ניט דוקא זיי נאָר אַלע חיות או"ו. דער רמב"ם מיינט, אַז אין דער קאָמבינאַציע פֿון „שור" און „חמור", פֿון אַ ריינער בהמה און אַן אונריינער בהמה, ליגט אַן אָנדייטונג אַז דער אסור איז נאָר חל אין אַזאַ פֿאַל, און ער האַלט דערפֿאַר אַז מדאוריתא איז נאָר אסור צו אַרבעטן צוזאַמען „טמאה עם טהורה וטהורה עם טמאה", אָבער ביי די אַנדערע איז דער אסור בלויז מדרבנן; אָבער דער רא"ש איז מחולק אויף אים, און דער „תיו"ט" וויל באַווייזן פֿון ירושלמי, וועלכן מיר דערמאָנען צום סוף פֿון משנה א', אַז דער רא"ש איז גערעכט (ז. אָבער „תוס' חדשים" און „תוס' רע"ק" און „קה"ר" א"א). ווי עס זעהט אויס, ליגט די פֿאַרשיידנהייט פֿון די שטות פֿון רמב"ם און רא"ש אין די פֿאַרשיידענע נוסחות וואָס געפֿינען זיך אין אונזער משנה; לויט רש"ס (ז. „מלא"ש") און דעם בערל. כ"י צב"ש איז דער נוסח פֿון אונזער משנה „במה דברים אמורים בהמה עם בהמה וכו' (אין בערל. כ"י פֿעהלט „טמאה עם טמאה וטהורה עם טהורה") אבל טמאה עם טהורה וטהורה עם טמאה אסורים וכו'", און דער רמב"ם האָט, הפנים, פֿאַר זיך געהאַט דעם דאָזיגן נוסח*). דער ר"ש שטעלט זיך אָפּ אויף די איבערחזורונגען אין אונזער משנה „בהמה עם חיה וחיה עם בהמה", „טמאה עם טהורה וטהורה עם טמאה", און האַלט זיי פֿאַר איבעריג, ווייל עס וואָלט דאָך געווען גענוג ווען זי זאָגט בלויז „בהמה עם חיה" און „טמאה עם טהורה", אָבער דער „ת"י" דענקט, אַז דאָס מיינט אָנצודייטן אַז אפילו ווען די בהמה איז דער עיקר און די חיה העלפֿט בלויז מיטשלעפּן, אָדער פֿאַרקערט, וואָס איז, נאַטירלאַך, אַ זעהר שוואַכער תירוץ, ווייל אפילו ווען דאָס זאָל יאָ געמיינט זיין איז די איבערחזורונג דאָך אויך ניט נויטיג, וואָרום עס איז דאָך קיין חלוק ניט ווער עס איז

*) „מ"ר" האַלט, אַז אונזער משנה באַהאַנדלט בלויז דעם אסור פֿון צענויפֿפּאָרן, און אַזוי האָט דאָס אויך דער רמב"ם פֿאַרשטאַנען, נאָר פֿון „טמאה עם טהורה" אַן באַציט עס זיך שוין אויפֿן אסור פֿון צוזאַמען אַרבעטן. ז. אויך די ערקלערונג פֿון „שנו"א" אין פּי' נו. 12 פֿון דער פֿריערדיגער משנה.